ת"ת תורה ויראה
דרב"י סאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת


# זקניך ויאמרו לך


גליון
תתל"ב
פרשת טהרה - שבת הגדול
שנת תשפ"ד לפ"ק


ז' עב) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
**כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א**

## מ'דארף גיין צום כהן ווען עס איז נאך 'כנגע'

אין די צייטן נאך די ערשטע וועלט מלחמה איז דער מצב אין אידישע שטובער געווען זייער ביטער, עס זענען געווען חשוב'ע שטובער, ממש פון די חשוב'סטע, וואס די טעכטער זענען ל"ע פארפאלן געווארן, אזוי ווייט אז זיי פלעגן גיין צו טעאטערס שבתים וימים טובים ה"י.

ס'איז אמאל געקומען א איד צום זיידן - מרן הגה"ק **העצי חיים** זלה"ה - פסח ביינאכט ביים סדר, ער האט זיך אויסגעוויינט אז די טעכטער זענען געגאנגען, און זיי זענען נישט אינדערהיים צום סדר. איז ער געקומען צו לויפן...

האט אים דער זיידע געזאגט "אין פסוק שטייט ביי פרשת נגעי בתים אז מ'זאגט פארן כהן "כנגע נראה לי בבית", ווען עס איז נאך **'כנגע'** קומט מען צום כהן, ווען מ'הייבט אן צו זעהן אז עפעס טויגט נישט אין שטוב דארף מען זוכן וואס מ'קען מתקן זיין און ראטעווען, נישט נאכדעם וואס איז שוין דא די נגע... ווען עס איז שוין דא די נגע איז שוין אמאל זייער שפעט...

ז' עג) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ג ר' עקיבא יוסף כהנא שליט"א**

## א נשמה זה לעומת זה

עס איז שווער זיך צוזאמצוקלויבן נאך די שווערע אבידה פון מיין אומפארגעסליכן שוואגער להבחל"ח **הרה"ג ר' יקותיאל יצחק בראך ז"ל רב דקהל אפסי ארץ נאנאש, ומנהל הת"ת סאטמאר בני ברק**, וואס איז אוועק געריסן געווארן פון אונז בפניא דמעלי שבתא פר' שמיני כ"ו אדר ב' העעל"ט.

דעם לעצטן מוצש"ק פאר זיין פטירה, כ"א אדר, האט ער נאך אויפגעטרעטן מיט א דרשה פאר אנ"ש אין בני ברק, האט ער דארט דערציילט די מעשה:

מיין טאטע **הגה"צ רבי שמואל ז"ל אב"ד נאנאש**, האט במשך עטליכע יאר געוואוינט אין לעיקוואד.

געווען איז דאס בשנת תש"מ, נאך די הסתלקות פון כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה. **כ"ק** (מוח"ז) **הרה"ק רבי הערשעלע מספינקא ז"ל** פלעגט אין יענע יארן קומען אויף אפרוה אין לעיקוואד און ער האט געהאט זיין אכסניא אין אונזער נאנטע שכנות, אין שטוב פון הרה"ח ר' מאיר ישראל גאלדבערגער ז"ל.

מיין טאטע ז"ל איז געגאנגען שלום נעמען פונעם ספינקער רבי'ן, און כמובן איז דער שמועס נאר געווען איבערן רבי'ן ז"ל, שטייענדיג עטליכע חדשים נאך די הסתלקות.

במשך די גאנצע צייט פונעם שמועס זענען גערינען טרערן פון די אויגן פונעם ספינקער רבי'ן ז"ל.

בתוה"ד האט דער ספינקער רבי געזאגט אזוי: דער רבי פלעגט זאגן אסאך מאל, אז עס ווערט געברענגט אז יעדעס מאל וואס עס איז אראפגעקומען א כח הטומאה אויף די וועלט איז קעגן דעם אראפגעקומען א גרויסע נשמה, אזוי איז געווען בימי האריז"ל, און בימי הבעש"ט הק', און די גרויסע נשמות האבן לוחם געווען קעגן די טומאה, פלעגט דער רבי מתאונן זיין "בימינו אלה, איז דא אזא טומאה פון ציונית, און מ'זעהט נישט וועלכע נשמה איז אראפגעקומען קעגן דעם".

האט דער ספינקער רבי געזאגט "איך פארשטיי נישט, דער רבי האט נישט אליינס פארשטאנען אז ער איז די נשמה וואס מ'האט אראפגעשיקט פון הימל צו לוחם זיין קעגן ציונית?!".

האט רבי יקותיאל יצחק ווייטער דערציילט אז נאכדעם וואס ער איז געווארן אן איידעם ביי **אאמו"ר הגה"צ רבי אלימלך כהנא זצ"ל**, איז ער אמאל געפארן מיט מיין טאטן קיין תל-אביב, צו 'לודמיר אתרוגים' — זיי זענען געווען א קרוב צו אונזער משפחה, און מיין טאטע פלעגט דארט גיין קויפן אתרוגים - אויפן וועג זענען זיי אריבערגעפארן א גאס וואס האט געטראגן דעם נאמען פונעם ראש הטומאה ב.ג. ימ"ש, און עס איז געווען אויפגעשריבן דער יאר וואס ער איז געבוירן און זיין יום הפגירה, זיין יאר פון געבוירן איז געווען תרמ"ז, דעם זעלבן יאר ווי להבדיל א"א הבדלות, דער רבי ז"ל. האט ער זיך דערמאנט די ווערטער פון זיידן דער ספינקער רבי אז די נשמה פון רביה"ק זלה"ה איז אראפגעקומען אויפן עולם זה לעומת זה.

אין זיינע ווערטער האט ער אויסגעשמועסט אז כידוע האט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע ממתיק געווען די חבלי משיח, נאר דער רבי ז"ל האט געזאגט אז די ציונים מיט זייערע מעשים האבן גורם געווען אז דאס איז צוריק נגרם געווארן, אבער לויט דעם אז דעם רבי'נס נשמה איז געווען זה לעומת זה די כוחות הטומאה, האט דער רבי אוודאי ממתיק געווען די חבלי משיח.

זאלן זיינע אייגענע ווערטער זיין לזכותו, יהא זכרו ברוך, לעילו נשמת רבי יקותיאל יצחק ב"ר שמואל זלה"ה.

ז' עד) עס דערציילט אונז
**כ"ק הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א**

## נישט גיין אפילו צו שמירה...

לאור די גזירת הגיוס וואס איז פריש באנייט געווארן אין ארה"ק, און עס איז גרויס דער פחד אז די רעליגיעזע חברי הכנסת המינים וועלן מאכן פשרות און אריינברענגען א טיילווייזע גיוס צווישן היימישע בחורים, וועלן מיר איבערגעבן וואס מיר האבן זוכה געווען צו הערן מפ"ק ביי אונזער באזוך בביתו נאוה קודש אין ירושלים עיה"ק (כסלו תשע"ג):

"איך געדענק אין אלט שטאט איז געווען דער מורה הוראה, הגאון רבי וועלוול מינצבערג ז"ל - ער איז געווען אמאל אין די עדה החרדית, ער האט געבעטן אן הוספה, און מ'האט אים נישט געגעבן, איז ער געווארן איינגעשטעלט ערגעץ אין א בית היתומות - האט ער געזאגט פאר מיין טאטן 'איך ארבעט ווינציגער, כ'האב מער געלט, קען איך מער לערנען', פריער ווען ער איז געזעסן ביים בי"ד האט ער נישט געהאט אזויפיל צייט צו לערנען".

"ער האט געהאט אפאר אייניקלאך וואס האבן געלערנט אין סלאנים, זיי האבן געוואלט זיין אויף פסח ביי זייער טאטן, אבער עס איז געווען א שעת מלחמה, און די ציונים האבן נישט געלאזט ארום פארן, זיי זענען אלע געפארן מיט געפאנצערטע אויטאס. האט מען זיי געבעטן אז זיי זאלן זיין 'שמירה', צו היטן, וואס זאל אכטונג געבן אויף אלע דעכער, מ'האט געבעטן אז ישיבה לייט זאלן אויכעט היטן, זיי זאלן נישט שיסן, אבער נאר היטן, משגיח זיין. נישט קיין גרויסע עבירה.

מ'איז ארויפגעגאנגען פרעגן רבי וועלוול, און ער האט מתיר געווען אז דאס הייסט נישט קיין געגאנגען צו זייער מיליטער. ער האט געהאט אן אייניקל נחום שלעזינגער, ער האט געלערנט ביי אונז אין ישיבה, איך בין געווען א חבר מיט אים, איז ער ארויפגעגאנגען צום זיידן, און ער האט אים פארגעשטעלט וואס דא טוט זיך. האט ער דערציילט וויאזוי עס זעט אויס די 'שמירה', עס זענען געווען גרויסע דעכער אין אלט-שטאט, אין ווינקל שטייען אנדערע און מ'טוט אפ כל דבר אסור ר"ל, און אויף דעם דארף אכטונג געבן א ישיבה בחור?! דאס פארברענט דאך די נשמה!

האט ער גלייך געזאגט "ניין! ניין! מ'זאל נישט גיין". אנהויב האט ער מסכים געווען, אבער ווי ער האט געהערט וואס עס קומט פאר, שרעקלאכע זאכן, האט ער געזאגט ח"ו מ'זאל נישט גיין אפילו נאר צו שמירה.

ז' עה) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' אשר ווידער הי"ו** מאנטריאל

## דער ערשטער אפיל פון רבי לייביש וויינפעלד ז"ל

שטייענדיג נאך די פטירה פון **הרה"ג ר' ארי' לייביש ב"ר ישעי' יקותיאל הכהן וויינפעלד ז"ל** דער מגיד מישרים בה"א הידועה, וועלכער האט געמאכט הונדערטער אפיל'ס לצרכי צדקה וחסד און פארן רבי'נס מוסדות, דערמאן איך זיך ווען ער האט געמאכט דעם ערשטן אפיל בפניו פונעם רבי'ן זי"ע.

עס איז געווען מיט ארום פופציג יאר צוריק בשנת תשל"ה, בין איך געווען דער מנהל פון די


הגליון נתנדב ע"י הרה"ח **ר' פינחס שפירא** שליט"א • לע"נ מו"ר פוסק הדור רבי **שמואל** ב"ר **יוסף צבי הלוי** (וואזנער) בעל **שבט הלוי** - היארצייט ט"ו ניסן

סאטמארע תלמוד תורה תורת משה אין מאנטריאל, און נושא געווען אינעם פינאנציעלן עול.

אונזער ראש ישיבה **הגה"צ רבי אשר שמואל כ"ץ ז"ל דער דזיבויער דיין** איז דעמאלטס געקומען צו פארן קיין ניו יארק צו מאכן דעם אפיל לטובת די תלמוד תורה. און מיר זענען געווען אויף שב"ק אין קרית יואל און געדאווענט בבית מדרשו פון **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה** אויף בעקערטאון רד.

עס איז געווען פארן ליינען און דער רבי איז ארויס אויף א שטיקל הפסקה, און איך האב נאכנישט געהאט ווער עס זאל זיך אויפשטעלן מאכן דעם אפיל לטובת המוסד. בין איך צוגעגאנגען צו **הרה"ג ר' לייביש ווינפעלד ז"ל** – ער איז געווען א אינגערמאן פון די ערשטע תושבי קרית יואל, און ער האט יענעם שב"ק געדאווענט ביים רבי'ן - און אים געבעטן אז ער זאל זאגן אפאר ווערטער, ער האט מתחילה אפגעזאגט, אבער אז כ'האב נישט געטראפן קיין צווייטן בין איך צוריק געקומען צו אים, און איך האב אים געבעטן ממש בתחנונים 'כ'האב נישט דא קיינעם און מ'דארף מאכן דעם אפיל'.

האט ער מיר געטון די טובה און ער איז געגאנגען צו די בימה און געזאגט "מ'זעהט די אותיות **ג' ע' ל' ד'** שטייט אין די תורה מיט גרויסע אותיות, **והת'ג'לח** (ויקרא, יג, לג) **שמ'ע'...** (דברים, ו, ד) , **ויש'ל'כם** (דברים, כט, כז), **אח'ד** (דברים, ו, ד). און ער האט געזאגט עטליכע ווארימע דיבורים לטובת המוסדות אין מאנטריאל.

שפעטער איז ער צוגעקומען און מיר באדאנקט פארן כיבוד, ווייל דער רבי ז"ל האט אים צוגערופן און אים איבערגעפרעגט "וואס האסטו געזאגט?", ער האט איבערגעזאגט פארן רבי'ן זיינע ווערטער, און דער רבי האט אים באדאנקט, און ער האט דאס געהאלטן פאר א גרויסע זכי' אז ער האט זוכה געווען צו מהנה זיין דעם רבי'ן זי"ע. ויה"ר אז די נשמה זאל האבן אן עלי'.

ז' עו) עס דערציילט אונזער זיידע

## הרה"ח ר' שמעון פריעדמאן שליט"א

### הוציאנו מעבדות לחירות

אז מיר שטייען פארן יום טוב פסח, איז דער זמן להודות ולהלל פאר השי"ת אויף די אלע נסים ונפלאות וואס מיר האבן מיטגעלעבט, און בחסדי השם זענען מיר ארויס מעבדות לחירות, און זוכה געווען צו לעכטיגע אידישע דורות בליעה"ר.

מיינע קינדער יארן זענען געווען אין די שטאט סאטמאר, אין די יארן נאך די צווייטע וועלט מלחמה, ווען רוב אידן פון אלע ארומיגע שטעט האבן שוין ארויסגעוואנדערט צו די פרייע וועלט, און מיר זענען דארט געבליבן אונטער די קאמוניסטישע רעגירונג פאר לאנגע יארן.

מיין טאטע **הרה"ח ר' הילל ב"ר שאול יעקב פריעדמאן ע"ה** איז געווען אלע יארן א תלמיד חכם און א מתמיד עצום, ווען ער האט נאר געהאט א איבריגע מינוט איז ער געזעסן און געלערנט ווי עס געדענקען אלע אידן וואס האבן אים געקענט אויף די עלטערע יארן אין קרית יואל, בפרט אין די ווינטער חדשים אין אריזאנע ווען עס איז געווען לא פסק פומי' מגירסא.

ער פלעגט אפטמאל דאווענען פארן עמוד פסוקי דזמרה ביי **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה**, דער רבי האט זייער הנאה געהאט פון זיין דאווענען, ווייל ער פלעגט דאווענען מיט א חיות און א ברען און א קול מעורר הכוונה.

א. אונזער שטוב אין סאטמאר איז געווען אן אפענע שטוב, אלע אידן, אין אלע מצבים האבן ביי אונז געטראפן א קורת גג מיט א ווארימע ארויפנאמע פון מיינע חשוב'ע עלטערן. אזוי אויך איז געווען עטליכע חתונות פון חשוב'ע אידן וואס זענען געווען ביי אונז אין שטוב, וואס האבן ב"ה שפעטער אויפגעשטעלט הערליכע אידישע שטובער.

אין סאטמאר איז געווען הרה"ח ר' אברהם (באמי) קויפמאן ע"ה, איינמאל ווען א פאליציי מאן איז אים געקומען ארעסטירן האט ער אים אוועק געלייגט אין א בחינה פון 'ויטמנהו בחול', און ער איז זיך געלאפן באהאלטן. קיינער האט אים נישט געוואלט אריינעמען, נאר מיינע עלטערן האבן אים אריינגענומען, און אזוי איז ער ניצל געווארן און ער האט געהאט אריכות ימים, ביז ווען ער איז לעצטענס אוועק בש"ט.

ב. פון די גרעסטע 'עבירות' אין יענע יארן איז געווען צו האנדלען מיט 'דאללארן'. די קאמוניסטן האבן אויף דעם געלאקערט זייער שטרענג, און וועמען מ'האט געכאפט האט מען ארעסטירט און שווער געפייניגט.

פון די אנדערע זייט, די אידן דארט האבן ביטערליך געהונגערט, און דער 'שווארצער האנדל' איז געווען זייער פאפולער. דעריבער פלעגן די רשעים לאקערן כסדר אויף די אידן, און ווען זיי האבן איינעם געפאקט האט מען אים געפייניגט מיט צרות צרורות, אז ער זאל ארויסגעבן נעמען פון נאך אידן וואס האבן געהאנדלט מיט דאללארן. אזוי איז דאס נעבעך געווען א קייט פון תפיסה מיט מסירה.

מיר פלעגן רופן די 'תפיסה' מיטן צונאמען 'פרעס'... ווייל דארט האבן זיי נאר געוואלט 'ארויספרעסן' אינפארמאציע צו קענען אריינכאפן נאך איינעם אין זייער נעץ.

ווען מיין טאטנס נאמען איז אנגעקומען צו זיי האבן זיי אים ביטערליך געפייניגט אז ער זאל ארויסגעבן נאך איינעם, אבער ער איז געשטאנען פעלזן פעסט נישט צו זאגן קיין נאמען פון א צווייטן איד, כאטש עס האט אים טייער געקאסט.

עס האט מיר געזאגט **הגה"צ רבי שמעון זאב מיללער ז"ל דער ארא‌דער רב -** וואס איז אויך געווען אונטער די רשעים, און מען האט אים דארט אסאך געפייניגט - אז די רשעים האבן אים געזאגט "דו ביסט דאך אין ביהמ"ד, דארט דרייען זיך אידן, ממילא ווייסטו זיכער ווער עס האנדלט מיט דאללארן, ממילא זאג אויס די נעמען"...

איינע פון די עינוים איז געווען אז זיי האבן געצווינגען די אידן צו שטיין 24 שעה רצופות אויף די פיס. אויב האט מען איינגעדרימלט שטייענדיג, האבן זיי זיכער געמאכט אויפצוועקן אויף אן אופן אז עס זאל זיך נישט גלוסטן צו איינדרימלען נאכאמאל.

דער ארא‌דער רב האט דערציילט אז "ווען מ'האט מיך דערנאך ארויסגעלאזט פון תפיסה האבן זיי נאך געבעטן אז איך זאל זאגן פאר די דרויסענדיגע גאס אז מ'האט מיך שיין באהאנדלט..."

ג. ווען מ'האט געזוכט מיין טאטן ז"ל דאס ערשטע מאל איז ער געווען א יאר צייט טמיר ונעלם, זיי זענען ארומגעלאפן אים זוכן איבער די גאנצע שטאט, זיי זענען געווען ביי אונז אין שטוב, און אפילו געשלאגן מיין מאמע ע"ה מיט פעטש אז זי זאל ארויסגעבן וואו ער איז באהאלטן, אבער זי האט אויך נישט געוואוסט וואו ער איז באהאלטן. עס איז זייער שווער געווען. מיר האבן נישט געהאט קיין פרנסה במשך די גאנצע צייט וואס דער טאטע איז נישט געווען אינדערהיים.

ד. אונזער עלטער פעטער הרה"ח ר' חיים הערש שווארץ ע"ה האט געשיקט דורך די פאסט א קליידל פון בני ברק, מיר האבן דאס פארקויפט, פון דעם האבן מיר געקענט מאכן פסח...

שפעטער ווען מיר זענען שוין געווען אין אמעריקע, און דער פעטער איז געקומען צו פארן, האבן מיר אים אזוי באדאנקט פארן קליידל וואס ער האט געשיקט. האט ער געפרעגט "פארוואס האט מען נישט מודיע געווען אז דאס איז אזוי וויכטיג, איך וואלט ווען מער געשיקט?!". האבן מיר אים געמוזט דערציילן ווי שווער עס איז געווען צו שיקן יעדעס בריוול אין יענע צייט, אז ניטאמאל א געהעריגע דאנק בריוול אויף די פאסט האבן מיר געקענט שיקן.

ה. איבער מיין טאטנס באפרייאונג ליגט מיר אין זכרון א דבר פלא.

מיר קינדער האבן זיך געשפילט אינדערהיים, מיר האבן געמאכט שפילערייען, מ'האט געשניטן פאפיר, האב איך געמאכט אן עראפלאן, און געשריבן "טאטי ווען קומסטו שוין אהיים?!", און איך האב געזאגט פאר מיינע חברים "דאס שיק איך פאר מיין טאטע". כמובן, אלס קינד האט דאס גארנישט געמיינט ערנסט, אבער דאך האב איך אזוי געבענקט נאך מיין טאטן אז דאס איז ארויסגעקומען ווען איך האב געשריבן ביים שפילן.

שפעטער ווען מיין טאטע איז אהיים געקומען פון תפיסה האט ער דערציילט אז די רשעים האבן אים ארויסגערופן, און געזאגט אז צווישן די פעקל וועש וואס מ'האט אים געשיקט פון שטוב האבן זיי געטראפן א פאפירענע איינגעקנייטשט ווי אן עראפלאן מיט א אויפשריפט און זיי האבן געפרעגט "וואס שטייט דא?"... האט ער געזעהן דאס בריוועלע וואס איך האב געשריבן אינמיטן א שפיל, דאס איז בטעות אריינגעפאלן צווישן די וועש, און אזוי איז דאס אנגעקומען אין תפיסה אריין...

ו. מ'פלעגט אים שיקן ציגארעטלעך אין תפיסה, וואס ער האט גענוצט צו אונטערשמירן די דארטיגע ארבעטער אז זיי זאלן טוהן זיינע אויפגאבעס אום שבת, אז ער זאל נישט מוזן מחלל שבת זיין.

ז. ווען מיר זענען געווען ביים רבי'ן ז"ל בעפאר די חתונה פון מיין ברודער, דער רבי איז שוין געווען אפגעשוואכט, און דער רבי האט געפרעגט מיין טאטן "ווער איז אייער טאטע?", האט מיין טאטע געענטפערט "רבי שאול יעקב".

דער רבי האט נישט געכאפט מתחילה ווען עס איז ר' שאול יעקב, ביז מיין מאמע האט זיך אנגערופן "ר' שאול פריעדמאן פון סאטמאר". דעמאלטס האט זיך דער רבי געכאפט פון וועמען מ'רעדט "אה, רבי שאול..."

זאגט מיין מאמע "מיין טאטע איז געווען ר' שמעון לעווי, א זון פון ר' אברהם לעווי (פילפישער)"...

איז דער רבי נתרגש געווארן "אה, זיי זענען געווען איינִיגע אידעלעך... זענען מיר דאך אלע סאטמארע...". מיינענדיג צו זאגן אז אלע זיידעס פון אלע צדדים זענען געווען היימישע אידן פונדערהיים אין סאטמאר.

נתנדב ע"י הרה"ח ר' **משולם זושא פריעד** הי"ו • לע"נ זקינו הגה"ח ר' **משולם זושא בן הגה"צ רבי שרגא שמואל** (שניצלער) ז"ל • היארצייט י"ח ניסן